# יחזקאל

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

ראש השנה תשפ"ה / גליון ק"ו - מוגדל


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (תולדות)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ויעקב איש תם |
| שני | עקב אשר שמע |
| שלישי | וצריך האדם |
| רביעי | ויכול האדם להבין |
| חמישי | אך שיש בקומות האדם עד ד"ה ובזה יובן |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס בײַ אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
לעבן מיט די צייט!
ספעציעלע שיעורים
אויף די הייליגע טעג
אויפן היכל המרכזי נומער 9 אדער 30


## חסיד'יש געזעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# די 'ממליכים'

**קיינער איז נישט פארנומען מיר צו מאכן פאר 'קעניג' אויף דער וועלט, נאר בלויז דער איד, נו אויב אזוי, מוז איך אים האבן דא, כדי איך זאל זיין מלך!**

דער 'סניגורן של ישראל', דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע האט אמאל געזאגט אזא משל:

**"מָשָׁל וּמְלִיצָה לְמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם שֶׁנָּסַע לְיַעַר גָּדוֹל לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ וּלְקַבֵּל תַּעֲנוּג מִצַּיִדוֹת חַיּוֹת וְעוֹפוֹת, עַד שֶׁבָּא לְעֹמֶק הַיַּעַר וְלֹא מָצָא אֶת דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ הַנָּכוֹן וְהַיָּשָׁר לָשׁוּב לְבֵיתוֹ, וְרָאָה בַּיַּעַר אַנְשֵׁי כְּפָרִים וּשְׁאָלוּם עַל הַדֶּרֶךְ וְלֹא הִכִּירוּ אֶת הַמֶּלֶךְ וְלֹא יָדְעוּ מַה לְהָשִׁיב לוֹ, כִּי מֵעוֹלָם לֹא יָדְעוּ אֶת דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל הַנָּכוֹן וְהַיָּשָׁר.**

**"עַד שֶׁמָּצָא אִישׁ חָכָם וְנָבוֹן וּשְׁאָלוֹ עַל הַדֶּרֶךְ, אָז הֶחָכָם הֵבִין שֶׁהַמֶּלֶךְ הוּא, נִזְדַּעְזֵעַ לַאֲחוֹרָיו וְשָׁמַע תֵּכֶף לִרְצוֹנוֹ וַיַּרְאֵהוּ אֶת הַדֶּרֶךְ. כִּי מֵרֹב חָכְמָתוֹ יָדַע אֶת דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ הַנָּכוֹן וְהַיָּשָׁר, וַיּוֹלֶךְ אֶת הַמֶּלֶךְ לְבֵית הַמְּלוּכָה וַיֵּשֶׁב אוֹתוֹ עַל כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ. וַיִּמְצָא הָאִישׁ הַהוּא חֵן בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ מְאֹד וַיְנַשְּׂאֵהוּ מִכָּל שָׂרֵי הַמְּלוּכָה, וַיַּלְבֵּשׁ אֶת הָאִישׁ הַהוּא בְּגָדִים יְקָרִים, וְאֶת בְּגָדָיו צִוָּה לְהַכְנִיס לְבֵית גְּנָזָיו.**

**"וַיְהִי אַחֲרֵי יָמִים רַבִּים, חָטָא אוֹתוֹ אִישׁ לְהַמֶּלֶךְ, וְיִקְצֹף עָלָיו הַמֶּלֶךְ וַיְצַו לְשָׂרָיו הַיּוֹשְׁבִים רִאשׁוֹנָה בַּמַּלְכוּת לִשְׁפֹּט אוֹתוֹ הָאִישׁ, כְּדִין הָעוֹבֵר עַל מִצְוַת הַמֶּלֶךְ. וַיֵּצֶר לְהָאִישׁ מְאֹד, כִּי יָדַע כִּי מִשְׁפָּטוֹ יִהְיֶה חָרוּץ לְרַע לוֹ עַל דְּבַר אֲשֶׁר חָטָא נֶגֶד הַמֶּלֶךְ. וַיִּפֹּל לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וַיְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ, וַיִּתְחַנֵּן לוֹ שֶׁקֹּדֶם שֶׁיֵּצֵא דְּבַר הַמִּשְׁפָּט יְמַלֵּא שְׁאֵלָתוֹ בְּדָבָר אֶחָד: לְהַלְבִּישׁ אוֹתוֹ בְּגָדָיו הָרִאשׁוֹנִים שֶׁלּוֹ בְּשָׁעָה שֶׁהוֹלִיךְ אֶת הַמֶּלֶךְ מֵהַיַּעַר. וַיִּשָּׂא לוֹ הַמֶּלֶךְ לַדָּבָר הַהוּא.**

**"וַיְהִי כַּאֲשֶׁר הִלְבִּישׁ אוֹתוֹ הָאִישׁ אֶת הַבְּגָדִים הַנַּ"ל, זָכַר הַמֶּלֶךְ אֶת גֹּדֶל הַחֶסֶד אֲשֶׁר עָשָׂה עִמּוֹ אוֹתוֹ הָאִישׁ, אֲשֶׁר הֶחֱזִיר אוֹתוֹ לְבֵית הַמְּלוּכָה וַיּוֹשִׁיבֵהוּ עַל כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ, וַיִּכָּמְרוּ רַחֲמָיו וַיִּמְצָא חֵן חֶסֶד לְפָנָיו, וְהֶעֱבִיר אֶת חַטָּאתוֹ מִלְּפָנָיו וֶהֱשִׁיבוֹ עַל כַּנּוֹ".**

אין דער רגע וואס דער מלך האט זיך דערמאנט, אז דער קלוגער מענטש ער איז גאר דער וועלכער האט אים געמאכט פאר א 'מלך', און ווען נישט אים וואלט ער נישט היינט דא געזעסן אויף דעם שטול - האט ער אים ריינגעוואשן פון אלע זיינע זינד.

## ווער זעצט מיר אויפן שטול?

**דער נמשל:** ראש השנה איז טאקע נישט קיין פשוט'ער טאג, עס כאפט טאקע א ציטער פון אזא 'יום הדין הגדול והנורא', מיר אלע גייען דורך פארן מלך מלכי המלכים הקב"ה און מען לייגט אויפן וואגשאל אלע אונזערע מעשים פון א גאנץ יאר! פרעגט א מענטש: "וואס טוט מען דא?! איך ווייס דאך גאנץ גוט וויאזוי מיין יאר האט אויסגעזען, וויפיל 'מרידה במלכות' איך האב געטון, נו, וויאזוי קען איך ארויסגיין 'זכאי בדין'?!".

קומט דער 'קדושת לוי' און לערנט אונז אויס א דבר חכמה: וואס האט יענער קלוגער מענטש געטון אין דיין פלאץ?! ער איז בכלל נישט געווען פארנומען צי ער וועט גערעטעוועט ווערן פונעם פארכטיגן פסק דין אדער נישט, ער איז פשוט צוגעגאנגען צום מלך און גערעדט וועגן עפעס אנדערש! ער האט דערמאנט פארן מלך, אז ער דער וועלכער איז פארנומען אים צו מאכן פאר 'קעניג', ער איז דער וועלכער ארבעט אים צוריקצוברענגען צום קעניגליכן פאלאץ און אים ארויפזעצן אויף זיין קעניגליכן שטול!

און ווען א איד רעדט אזא שפראך - ווערט די גרעסטע 'המתקה' וואס איז נאר שייך. דער אויבערשטער כביכול זאגט: "איך דארף אים האבן פאר מיין מלוכה! ער פעלט מיר אויס אויף דער וועלט! מיין גאנצע רצון פון 'דירה בתחתונים' - טוה איך בלויז דורך דעם מענטש! נישטא קיין איין גוי וואס שטייט היינט און איז מיר 'ממליך', קיינער איז נישט פארנומען מיר צו מאכן פאר 'קעניג' אויף דער וועלט, נאר בלויז דער איד, נו אויב אזוי, מוז איך אים האבן דא, כדי איך זאל זיין מלך!". (זעלבסט פארשטענדליך, אז דאס איז אלעס בלויז 'כביכול'. דאס הייסט, דער אויבערשטער איז 'שלם' און עס פעלט אים גארנישט. אבער ער האט זיך אליינס געמאכט א 'נצרך', כדי אויסצופירן זיין רצון פון 'דירה בתחתונים').

## דער שאלונג פונעם שופר

מיט דעם איז דער 'קדושת לוי' מסביר דעם ענין פון שופר, וואס דאס דערמאנט דעם שופר פון מתן תורה. **"הִנֵּה כְּכָל הַמָּשָׁל הַנַּ"ל כְּמוֹ כֵן אֲנַחְנוּ עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל, בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אֲשֶׁר הֶחֱזִיר הקב"ה עַל כָּל אֻמָּה וְלָשׁוֹן שֶׁיְּקַבְּלוּ אֶת הַתּוֹרָה, וְלֹא רָצוּ, וַאֲנַחְנוּ עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל קִבַּלְנוּ אֶת הַתּוֹרָה בְּשִׂמְחָה וְתַעֲנוּג גָּדוֹל, עַד אֲשֶׁר קִדַּמְנוּ נַעֲשֶׂה לְנִשְׁמַע, וְקִבַּלְנוּ עָלֵינוּ עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם וְהִמְלַכְנוּ אוֹתוֹ לְמֶלֶךְ עָלֵינוּ, וְקִבַּלְנוּ מִצְוֹתָיו וְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה.**

**"וְעַתָּה פָּשַׁעְנוּ וּמָרַדְנוּ נֶגְדּוֹ. וּבְרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְרֵאִים אֲנַחְנוּ מִיּוֹם הַדִּין אֲשֶׁר בָּא בְּמִשְׁפָּט עַל כָּל נֶעְלָם, וּלְכָל אִישׁ וְאִישׁ נִקְצַב מִשְׁפָּטוֹ כְּפִי מַעֲשָׂיו. לָכֵן אֲנַחְנוּ תּוֹקְעִין בְּשׁוֹפָר, וּמַלְבִּישִׁין אֲנַחְנוּ אוֹתָנוּ בְּאוֹתוֹ הַלְּבוּשׁ שֶׁהָיָה בְּמַתַּן תּוֹרָה, שֶׁקִּבַּלְנוּ אֶת הַתּוֹרָה וְהִמְלַכְנוּ אוֹתוֹ בְּשׁוֹפָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'וַיְהִי קוֹל הַשּׁוֹפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד' כו', וְהוּא כְּדֵי שֶׁיִּזְכֹּר לָנוּ מִזֶּה הַזְּכוּת וְיִמְחֹל לָנוּ עַל כָּל עֲוֹנֹתֵינוּ וּפְשָׁעֵינוּ וְיִפְטְרֵנוּ מִן הַדִּין וְיִכְתְּבֵנוּ לְאַלְתֵּר לְחַיִּים אֲרֻכִּים וְטוֹבִים אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".** מיטן שופר דערמאנען מיר פארן מלך, אז מיר האבן געשאלט פאר אים ביי מתן תורה! מיר האבן אוועקגעשטעלט זיין מלוכה אויף דער וועלט! וואס דעריבער, מוז ער אונז האבן פאר זיין מלוכה.

## ער וויל די 'ממליכים'

**אט דאס איז בעצם די גאנצע נקודה פונעם 'דין' פון ראש השנה - אונטער די קוליסן:** אודאי טוט זיך אפ א 'יום הדין' אויף 'בני חיי ומזוני', אבער דאס איז בלויז די תוצאה פונעם דין. דער ריכטיגער דין וואס מען איז דן איז: וויפיל וועט דער איד זוכה זיין צו בויען און מגלה זיין דעם אויבערשטנ'ס מלוכה דעם קומענדיגן יאר! און אלס חלק דערפון רעכנט מען אויך אויס: וויפיל גשמיות'דיגע כוחות און מעגליכקייטן וועט מען אים געבן דערצו, אז ער זאל קענען בויען די מלוכה! וויאזוי וועט צוגיין זיין 'המלכה' דאס יאר - 'מתוך נסיון העוני' אדער 'מתוך נסיון העושר'. דאס אלעס ווערט גע'משפט ראש השנה.

א מענטש וואלט געקענט זיין אנגעצויגן איבער זיין פריוואטן משפט, וויפיל גשמיות'דיגע הרחבה ווארט אים אפ דעם קומענדיגן יאר. אבער דאס איז נישט וואס אידן קומען אריין אין שול און זיי שרייען: "מלוך על כל העולם כולו בכבודך והנשא על כל הארץ ביקרך", "זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים **למענך** אלקים חיים". זיי זענען אנגעצויגן פונעם משפט וואס עס טוט זיך אויף דער 'מלוכה'! מיר ווילן ממליך זיין דעם אויבערשטן! מיר שרייען און בעטן זיך: "מתי תמלוך" - ווען וועסטו שוין ווערן דער אפיציעלער קעניג פון דער גאנצער וועלט - אן קיין איין קעגנער און לייקענער אין דיין מלוכה!

**אט די המלכה איז די בעסטע עצה דערצו! דורכדעם וועסטו זיכער האבן א גוט געבענטשט יאר! ווייל דורכדעם וועקסטו אויף ביים אויבערשטן זיין רצון אין דיר!**

וועט איינער טראכטן: "אלעס פיין און וואויל, אבער סוף כל סוף, בין איך דאך א מענטש! וואס וועט למעשה זיין מיט מיין פרנסה?!". אויף דעם בארואיגט אים דער קדושת לוי: נישט געזארגט! אט די המלכה איז די בעסטע עצה דערצו! דורכדעם וועסטו זיכער האבן א גוט געבענטשט יאר! ווייל דורכדעם וועקסטו אויף ביים אויבערשטן זיין רצון אין דיר! דו וועקסט אויף זיין טיפע און נצחיות'דיגע קשר וואס ער האט מיט אונז! ער זעט נאכאמאל, אז בלויז מיר זענען די איינציגסטע וועלכע זארגן זיך פאר זיין מלוכה! ער זעט ווי די אלע פעלקער ווייסן ניטאמאל וויאזוי צו העלפן פארן מלך אנצוקומען צוריק צום פאלאץ! און אט דאס ווייזט קלאר, אז בלויז מיר זענען זיינע קינדער, און די אנדערע זענען ווי בהמות וואס לעבן אין עולם הפירוד. און מיט דעם ווערט פארשטאפט דאס מויל פון אלע מקטרגים, און דער אויבערשטער שרייבט אונז אן לאלתר לחיים טובים ארוכים ולשלום.

# יום תרועה

**ראש השנה איז צוזאמגעשטעלט פון מערערע ענינים און עבודות, אבער וואס איז די 'פינטל' וואס לויפט אלעס דורך? • פארוואס בלאזט מען שופר, וואס וויל מען ארויסברענגען דערמיט?**

**משפיע:** וואס זאגסטו עפעס גוטס?

**אברהם יצחק:** ב"ה, אט אט איז ראש השנה, א יום הדין, און איך בין נאכנישט גרייט דערפאר.

**משפיע:** האסט מורא? אויב יא, האסטו אנגעהויבן שפירן דער יסוד פון ר"ה וואס איז 'פחד הדין'.

**אברהם יצחק:** טאקע, אבער פארט בין איך נישט גרייט...

**משפיע:** ס'זעט דיר אויס אז דו וועסט אמאל זיין גרייט? אייגנטליך, וואס מיינט ביי דיר 'גרייט'?

**אברהם יצחק:** כ'מיין צו זאגן, כ'בין נאכנישט אינעם 'מצב' פון ר"ה, הלוואי וואלט מען צוגעלייגט אפאר וואכן כדי אריינצוגיין אין מצב...

**משפיע:** וויאזוי גייט מען אריין אין 'מצב'? מ'זיצט און

> ס'איז נישט קיין שאלה, אז מ'קען נישט אנהייבן ביים שופר. צוערשט דארף מען מאכן א פעסטע החלטה אין הארץ, מ'דארף אויסנוצן די תפילות און עבודה פון א גאנצן טאג צו מבטא זיין אונזער המלכה

מ'איז זיך מתבונן אין ר"ה. נו, מיר זיצן שוין, לאמיר טאקע אנהייבן רעדן פון ר"ה.

**אברהם יצחק:** ראש השנה האט אסאך ענינים, 'מלכיות זכרונות שופרות', די תקיעות, תפילות, מ'זאגט תהילים. אבער וואס איז די נקודה, וואס מ'דארף וויסן און זיך קאנצענטרירן דערויף?

**משפיע:** זיכער מיינסטו צו פרעגן, אוודאי דארף מען טון די אלע זאכן וואס דו האסט דערמאנט, אבער וויאזוי טוט מען עס מיט א פנימיות, און וויאזוי שפירט מען די שייכות צווישן די אלע זאכן?

**אברהם יצחק:** דאס פרעג איך. און כ'האב דאס געמיינט ביים זאגן, אז כ'וויל שפירן די 'מצב' פון ר"ה. כ'ווייס וואס מ'דארף 'טון', אבער כ'ווייס נישט וויאזוי מ'ווערט מחובר דערצו.

## שופר - די פינטל פון ראש השנה

**משפיע:** לאמיר אנהייבן מיט א שטיקל גמרא. חז"ל זאגן (ר"ה לד:), "אמר הקב"ה, אמרו לפני בר"ה מלכיות זכרונות ושופרות, **מלכיות** כדי שתמליכוני עליכם, **זכרונות** כדי שיבא לפני זכרוניכם לטובה, ובמה **בשופר**". שטייט דא אז מ'דארף 'זאגן' מלכיות און זכרונות, און מיט וואס? מיט 'שופר'. כ'פארשטיי נישט, מ'זאגט מלכיות און זכרונות מיט א שופר?

**אברהם יצחק:** א גוטע קשיא. יעצט פאלט מיר איין נאך א קשיא, פארוואס שטייט נישט 'אמרו לפני שופרות'? מ'זאגט דאך צען פסוקים פון 'שופרות', די גמרא אליינס זאגט 'אמרו לפני מלכיות זכרונות שופרות'. נאר שפעטער שטייט 'ובמה בשופר', און אז ס'מיינט אז מ'בלאזט שופר, אבער פריער איז געשטאנען אויך 'אמרו שופרות'?

**משפיע:** זייער א גוטע קשיא, לעת עתה האב איך נישט קיין תירוץ דערויף, מסתמא ווערט עס ארומגערעדט אין די מפרשים און ספרים הק'. אבער לאמיר זיך יעצט שטעלן אויפן עיקר ענין. דאס איז, אז די עיקר עבודת היום איז 'שופר', און ספה"ק זאגן אז דערפאר הייסט עס א 'יום תרועה', ווייל דער גאנצער טאג באשטייט פון תקיעת שופר. אויך איז עס מרומז אין די משנה וואס זאגט, 'שמצות היום בשופר', מיינענדיג אז דאס איז דער עיקר מצוה פונעם טאג. אויב אזוי דארף מען וויסן, וואס איז 'שופר'?

די גמרא לערנט אונז, אז ראש השנה איז מען ממליך דעם אויבערשטן - מלכיות, און דורכדעם ברענגט מען ארויף גוטע זכרונות פאר השי"ת - זכרונות, אוןביידע ענינים ווערט דורכ'ן שופר. קומט אויס אז שופר טוט סיי ארויסברענגען אונזער המלכת ה', און איז דערצו מעלה אונזער המלכה צום אויבערשטן און דערמאנט זכרונות פאר אים.

**אברהם יצחק:** הייסט אז **ובמה בשופר** גייט ארויף אויף צוויי זאכן, סיי מלכיות און סיי זכרונות. כ'פארשטיי נישט פונקטליך וויאזוי. מלכיות מיינט ממליך זיין השי"ת אויף אונז, וויאזוי טוט מען דאס? לכאורה דורך קבלות טובות און רצונות. אפשר אויך די פסוקים דריקן אויס אז מיר זענען מקבל מלכות שמים אויף זיך, און אויך אז מיר פרייען זיך מיט מלכות שמים. אבער וואו קומט דא אריין שופרות?

**משפיע:** מיר קומען אן צום נקודה. אבער צוערשט דארפן מיר זיכער מאכן אז מיר ווייסן וויאזוי מ'איז מקבל מלכות שמים אויף זיך. די פינטל איז, אז מיר דריקן אויס אונזער ביטול מוחלט צו השי"ת, און מיט דעם זענען מיר אים ממליך אויף אונז.

**אברהם יצחק:** זאגסט אזעלכע שארפע ווערטער, 'ביטול מוחלט'. די מושג פון 'מלכות' עקזיסטירט אויך אין אונזער וועלט, און דא מיינט עס סך הכל אז מ'אונטערטעניגט זיך אונטערן קעניג, מ'דערקלערט אז ער איז מלך און אז מ'איז גרייט צו פאלגן זיינע באפעלן. אבער פון דא ביז 'ביטול מוחלט' איז א ווייטע וועג, מ'האט נאך אייגענע רצונות און אינטערעסערן...

## א קול וואס דריקט אויס 'ביטול'

**משפיע:** פרעגסט גוט, אבער קודם כל דארפסטו וויסן, אז מיר הייבן נישט אן כאפן וואס אמת'ע מלוכה מיינט, ניטאמאל פון א בשר ודם. היינט צוטאגס איז פארשוואונדן געווארן די גאנצע מושג אז א פאלק איז אינגאנצן בטל צו א קעניג, וואס אלע שעצן אים מיטן גאנצן הארץ און נשמה, ער בלייבט קעניג זיין גאנצן לעבן און ער האט נישט קיין באגרעניצונגען, ער טוט וואס ער וויל מיט זיין פאלק אן געבן דין וחשבון.

אבער אפילו אן אמת'ער מלך בשר ודם קומט נישט צו צום מלכות שמים פון וואס מיר רעדן, ווייל פארט דריקט זיך זיין מלוכה אויס נאר בחיצוניות, אפילו דער געטרייסטער באדינער האט זיך זיינע רצונות וואס האבן נישט קיין שייכות מיטן קעניג. דער קעניג ווייסט דאך נישט וואס גייט פאר ביי אים אין הארץ, קען ער דאך טראכטן וואס ער וויל אן דעם וואס איינער זאל וויסן. און דער עיקר המלכה דריקט זיך נאר אויס אין חיצוניות. אבער ווען מ'רעדט פון המלכת ה', ער ווייסט אלעס וואס א מענטש טראכט און וויל, אויב אזוי דארף זיך די ביטול אויסדריקן אין יעדע אספעקט פונעם מענטש, אריינגערעכנט מחשבה דיבור ומעשה, די גאנצע רמ"ח און שס"ה.

**נאך מער ווי דעם:** א מלך בשר ודם איז נישט קעניג אויפן עצם פאלק. יעדער יחיד איז א עקזיסטירנדע מציאות אויך אן דעם קעניג, די מלכות איז נאר כלפי די 'הנהגה' פונעם פאלק. אנדערש איז מלכות שמים, השי"ת געבט חיות פאר די גאנצע בריאה, קיינער האט נישט קיין מציאות ווען נישט מלכות שמים וואס איז מחיה יעדער נברא, און דערפאר, ווען מיר זענען מקבל זיין מלכות, מיינט דאס אז מיר זענען מגלה און מכיר אז מיר האבן נישט קיין אייגענע מציאות אן אים. און דעריבער דארף זיך עס אויסדריקן אין אונזער גאנצע מציאות, מיט יעדע מחשבה, דיבור און מעשה.

**אברהם יצחק:** הייסט אז אונזער גאנצע מציאות דארף ארויסברענגען מלכות שמים. ס'קוקט אויס ווי מדריגה אדער ווייניגסטנס א הויכע עבודה, פאדערט מען פון יעדן צו האלטן דערביי?

**משפיע:** ביסט גערעכט, ליידער האלטן מיר ווייט פון אזא ביטול, אבער וואס קען מען טון? ס'קומט ראש השנה, א טאג ווען השי"ת פאדערט אז מ'זאל אים ממליך זיין, און מ'קען נישט מאכן קיין חכמות און אים ממליך זיין נאר האלבוועגס און אן קיין פנימיות, ער ווייסט דאך אלעס...

**אברהם יצחק:** וואס טוט מען טאקע? מ'איז אזוי נאנט צו ר"ה, און מ'האלט אזוי ווייט?

**משפיע:** לאמיר דיר זאגן דעם אמת: נישט נאר פשוט'ע מענטשן ווי אונז זענען אין דעם פראבלעם, אפילו גרויסע צדיקים וועמען'ס הארץ ברענט צום אויבערשטן, אבער ווילאנג זיי האבן נאך א פינטל ישות, א דיבור, א מחשבה, עפעס א רצון - טוען זיי נאכנישט 'אינגאנצן' אויסדריקן מלכות שמים. ווייל מלכות שמים געבט זיך נאר ארויס אין ביטול מוחלט, אן קיין שום אייגענע אינטערעס.

דעריבער האט אונז השי"ת געשאנקען א מורא'דיגע מתנה וואס הייסט **שופר**. ס'שטייט אין ספרים הק', אז ווען נישט דעם וואלט נישט געווען שייך ריכטיג אויסצודריקן המלכת ה'. שופר ברענגט ארויס א **קול פשוט** אן קיין ווערטער, אן קיין מחשבות און געדאנקען, נאר א ביטוי

להתעלות
718-925-2772

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

פון די טיפסטע חיות אין הארץ וואס ברענגט זיך ארויס מיט די לופט וואס גייט ארויס פון הארץ דורכ'ן שופר. הייסט אזוי, מיר נוצן ניטאמאל אונזער קול, נאר די חיות און לופט וואס השי"ת האט אריינגעלייגט אין אונז דריקט זיך אויס אינעם קול, און דווקא מיטן קול פון די הארן פון א בהמה וואס האט נישט קיין שכל און מחשבות, און דווקא אזוי זענען מיר מבטא מלכות שמים.

## תקיעות איז א 'תוצאה' פון די גאנצע עבודת היום

**אברהם יצחק:** לויט דעם קומט אויס, אז שופר טוט אסאך טיפער מבטא זיין די ביטול און המלכה ווי ווען מ'זאגט פסוקי דזמרה און מלכיות זכרונות שופרות. אבער ס'קען אויך זיין פארקערט, מ'קען בלאזן אן קיין שום ביטול, בשעת די אמת'ע המלכה ווערט ארויסגעברענגט ווען מ'גיסט אויס דאס הארץ ביי די תפילות, מ'זאגט 'מלוך על כל העולם כולו בכבודך' מיט התרגשות, בשעת מ'האט פארשטייט זיך אינזין 'מלוך' אויף מיין 'עולם'...?

**משפיע:** דא קומען מיר אן צו די גמרא מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן. מיר 'זאגן' טאקע פסוקים פון מלכיות, אבער ווי אויסגעשמועסט, דאס איז נישט גענוג, און דערפאר דארף מען צוקומען צום שופר. אבער ס'איז נישט קיין שאלה, אז מ'קען נישט אנהייבן ביים שופר. צוערשט דארף מען מאכן א פעסטע החלטה אין הארץ, מ'דארף אויסנוצן די תפילות און עבודה פון א גאנצן טאג צו מבטא זיין אונזער המלכה, און אריינבאקן אין זיך א רצון צו מכיר זיין מלכות שמים און עס מקבל זיין אויף זיך מיט א ביטול מוחלט. און דאן נעמט מען דעם שופר, און מ'איז מבטא אט דעם רצון מיטן קול השופר, וואס דעמאלטס דריקט זיך אויס די נקודה פון הארץ. דערביי קומט מען אן צו די שטערקסטע ביטול און אונזער המלכה ווערט נשלם.

**אברהם יצחק:** ס'גייט גוט אריין אין די ווערטער פון גמרא, 'ובמה בשופר'. ס'מיינט, אז די המלכה געשעט נאר דורכ'ן שופר. אבער ס'שטייט נישט אין גמרא, אז מ'דארף מאכן א המלכה אויך פארן שופר. בפשטות געשעט די גאנצע המלכה נאר דורכ'ן שופר?

**משפיע:** דער תירוץ אויף דיין קשיא שטייט אין מהרש"א. ער איז מסביר, אז די גמרא וויל פארשטיין געבן די **סדר** פון 'מלכיות זכרונות שופרות', ווייל לכאורה, דער סדר וואלט געדארפט זיין 'שופרות זכרונות מלכיות', אזויווי ס'איז מסודר אין די פסוקים פון וואו מ'לערנט עס ארויס? אויף דעם קומט די גמרא זאגן אז ניין, קודם דארף מען ממליך זיין דעם אויבערשטן, און דאס איז מעלה אונזערע זכרונות לטובה, און די ביידע ווערן דורכ'ן שופר. דערפאר 'זאגט' מען אויך די פסוקים לויט דעם סדר. הייסט אז די גמרא דערציילט אונז, אז כאטש 'שופר' איז די אונטערשטע שורה, אבער קודם דארף מען אפמאכן צו ממליך זיין השי"ת, און די החלטה ווערט אויסגעדריקט מיטן שופר, און דערפאר זאגט מען 'שופרות' נאך 'מלכיות'. אבער איין זאך איז זיכער: אונזער תקיעת שופר פועל'ט דווקא, ווען ס'איז צוזאמען מיט רצון און המלכה.

**אברהם יצחק:** אפשר איז דאס די סיבה פארוואס אונזערע רבי'ס האבן אסאך אנגעזאגט בשם דעם גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע, אז דער עיקר ימים נוראים איז ביי פסוקי דזמרה און ברכות קריאת שמע. ווייל דווקא דארט בויעט מען אויף אונזער רצון און הסכמה צו מלכות שמים, און נאר דערנאך דריקט מען עס אויס מיטן שופר.

**משפיע:** זייער גוט. מ'קען מאריך זיין דערוועגן, מיר האבן נאכנישט געענדיגט מסביר זיין די המשך פון גמרא אויף 'זכרונות', אבער כ'מיין אז דאס איז גענוג אויף אריינצוברענגען אין מצב פון ר"ה.

**אברהם יצחק:** טאקע, א גרויסן יישר כח. לאמיר צולייגן א ברכה: "לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים ולשלום".

**משפיע:** אמן, המברך יתברך.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

'אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם', פשט איז, אז ס'איז נישט גענוג נאר צו זאגן מיטן מויל מלכיות, נאר מ'דארף זאגן און זאגן ביז ס'וועט זיין 'תמליכוני עליכם'...

הרה"ק ה'יסוד העבודה' זי"ע

# די בושה האט דורכגעבראכן

די לופט אינעם גרויסן בית המדרש אין בעלזא, איז פון מיט חרדש הקודש. מ'קען עס טאפן אין די לופט. אלע הערצער ווענדן זיך צום אויבערשטן מיט א דערהויבענע יראה, און טיפע געפילן פון התעוררות תשובה.

ראש השנה פאר די תקיעות, איז שטענדיג א ספעציעלע זמן ווען אידישע נפשות שטייען ציטערדיג לפני ה' כי בא לשפוט את הארץ. אבער דאס מאל, ווען דער ציבור זיצט אוןווארט פארן רב, דער הייליגער 'שר שלום' זי"ע, וואס איז טראץ די שפעטע שעה נאך אלץ נישט אריינגעקומען צו די תקיעות, פארשטייט יעדער אז עפעס ספעציעל שפילט זיך אפ אינעם רב'ס צימער. די הערצער צאפלען מער פון סיי ווען.

די יושבים זענען מרבה בתפילה, אנדערע פרובירן פועל'ן מיט כוונות און יחודים, און דער גאנצער עולם אנשים נשים וטף כאפן תהלים'לעך און זאגן איין קאפיטל נאכן צווייטן. רייסן איין מיט בכיות ביים כסא הכבוד, אולי יחוס עם עני ואביון. דער בית המדרש קוקט אויס ווי יעדער שטייט פארן בית דין של מעלה, וואו די גורל פון די גאנצע בריאה ווערט יעצט באשטימט.

אויפאמאל עפנט זיך די טיר, און דער רב קומט אריין אין בית המדרש, גייט צו צו די בימה און הייבט אן מיטן סדר התקיעות.

געהויבענע חסידים געבענטשט מיט א שארפע אויג, דערקענען גלייך דעם הימלישן אור וואס רוהט אויפן הייליגן פנים פון רב, און דרינגען דערפון אז ב"ה, דער מצב איז גוט. יעדנספאל, די תקיעות און דאס דאווענען איז אנגעגאנגען ווי געווענליך, אן קיין אויסערגעווענליכע ערשיינונגען. ביי די סעודת יום טוב, זעצט זיך דער צדיק מיט זיינע מקורבים, און אינמיטן די סעודה הייבט ער אן מגלה זיין וואס האט זיך היינט אפגעשפילט אין הימל.

זיי זיצן אויף די קאלטע ערד אינעם בודקע, איינגעהילט אין זייערע מונדירן זיך צו עטוואס באשיצן פון די שניידנדע קעלט, און הערן זיך נישט אויף ערגערן אויף זייער מצב.

"מילא א גאנץ יאר, אבער זיצן צווישן גויים ראש השנה? בשעת אלע אידן טוען תשובה פארן אויבערשטן און זענען מקבל זיך אויפצופירן ווי א איד, זיצן מיר דא אן קיין מחזור און אן קיין שופר, אן גארנישט... וואס וועט זיין מיט אונז, ווען וועלן מיר תשובה טון אויף אונזערע פילע עבירות?", צעוויינט זיך אן עלטערער קאנטאניסט פאר זיינע פריינט.

זיי שאקלען אים צו מיטן קאפ, צעבראכנערהייט. זיי זענען אומבאהאלפן, האפענונגסלאז. וואס קענען זיי טון?

מיטאמאל בליצט איינעם אויף א געדאנק: "מיר האבן חיים, דער טראמפייטער שפילער. זאל אונז חיים בלאזן מיט זיין שופר, כאטש ס'איז נישט זיכער אז ס'איז בכלל כשר!".

אלע בליקן פאלן אויף חיים, בשעת דער לעצטער לאזט אראפ זיינע אויגן צו די ערד. טייכן טרערן הייבן אן רינען פון זיינע אויגן.

"איך?! איך זאל בלאזן שופר? כ'האב אזויפיל געזינדיגט פארן אויבערשטן, און איך זאל נאך בלאזן? כ'קען נישט, חברים, כ'בין נישט מסוגל דערצו".

זיינע פריינט זענען נישט גרייט אויפצוגעבן. קוים האט זיי אויפגעלויכטן א פונק פון האפענונג, און זיי ווילן עס נישט ארויסלאזן פון האנט. זיי נעמען זיך בעטן ביי חיים, אבער ער האלט נישט דערביי, ער קען נישט דורכטראגן דעם געדאנק, אז אזא חוטא ווי איך וועט בלאזן שופר פארן אויבערשטן?! נאך אסאך איינבעטן, האט חיים אפירגענומען דעם שופר און עס צוגעלייגט צום מויל. אבער זיין בושה און טרערן ערלויבט נישט ארויס קיין קול.

ער פרובירט נאכאמאל, און נאכאמאל. ס'גייט נישט. א דריטע מאל, א פערטע מאל, טרערן פון בושה דערשטיקן זיין שטימע, אבער זיינע חברים געבן נישט אויף, "חיים, פרוביר נאכאמאל", מוטיגן זיי אים.

חיים באשליסט זיך אנצושטרענגען. טראץ די שרעקליכע בושות, שטעלט ער צו דעם שופר צו די ליפן, און- ענדליך, ער באווייזט ארויסצולאזן איין תקיעה, צו די ענדלאזע פרייד פון זיינע חברים.

דער רב ענדיגט די געשיכטע מיט חיים, און זאגט: "היינט פאר די תקיעות, האב איך געזען געפערליכע קטרוגים אויף כלל ישראל רח"ל, און כ'האב נישט געקענט טרעפן קיין וועג דורך וואס די תקיעות זאלן נתעלה ווערן צום כסא הכבוד. דעריבער בין איך נישט אריין צו די תקיעות.

און דעמאלטס איז ארויפגעקומען דער איין תקיעה פון חיים. ס'האט דורכגעבראכן אלע הימלען און דערגרייכט ביזן כסא הכבוד, און געעפנט דעם וועג פאר אלע תקיעות פון כלל ישראל. דעמאלטס בין איך אריין צו די תקיעות".

אין איינע פון די יארן, ימים נוראים צייט, האט כ"ק רבינו שליט"א דערציילט דעם סיפור און ארויסגעברענגט, ווי דער עיקר נקודה וואס די מעשה לערנט אונז איז, וויאזוי מ'דארף צוגיין צו די תקיעות. דווקא מיט א צעבראכן הארץ און בושה אויף דעם וואס מ'שפירט זיך נישט ראוי דערצו, און דאס איז מעלה די תקיעות.

דערצו האט רבינו שליט"א צוגעלייגט: "מיר דארפן זיך לערנען פון די אמאליגע בעלי עבירה, וואס כאטש זיי זענען געווען אריינגעטונקען אין חטאים ביז אויבן, האבן זיי געהאט הכנעה און בושה פארן אויבערשטן. אויך אונז, אפילו אויב מיר ווערן נכשל מיט עבירות, זאלן מיר כאטש נישט פארלירן די בושה און הכנעה".

מקור: הדעה והדיבור

# די עבודה פון תקיעת שופר

**וואס אז די מטרה פון א 'יום הדין'? • וואס ווילן אויפטון מיטן בלאזן שופר? • די סוד פון די סדר התקיעות**

## שאלה:

אפשר קען מען אביסל אויסברייטערן אויפן חלק פון עבודת הלב בשעת די תקיעות, וואס דארף מען טראכטן און אינזין האבן ווען מ'הערט דעם קול השופר?

## תשובה:

### א

### דער מהות פון 'יום הדין'

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן אונז, אז אום ראש השנה זיצט השי"ת אויפן 'כסא דין', און ווען מ'בלאזט שופר גייט ער אריבער צום 'כסא רחמים'. ענליך ווערט געברענגט אין זוהר הק', אז דורכ'ן שופר ווערט נמתק אלע דינים וואס ווערן נתעורר אום ראש השנה. **לאמיר זיך אביסל מעמיק זיין אין די הייליגע מאמרים, און דערביי מער ארויסהאבן די מהות פון 'שופר'.**

ווען מ'רעדט פון 'כסא הדין' פון ראש השנה, דארף מען וויסן אז דער מהות פון 'יום הדין' איז, מ'איז דן דעם מענטש אויף וויפיל און וויאזוי ער גייט ממלא זיין דעם תכלית הבריאה דורכאויס דעם קומענדיגן יאר, און די תכלית הבריאה איז: מגלה זיין כבוד מלכותו אויף דער וועלט.

**דעריבער** איז דא א יום הדין אויף יעדער נברא, וויבאלד די אויבנדערמאנטע תכלית ווערט אויסגעפירט דורכדעם וואס אידן זענען דבוק אינעם אויבערשטן, דורך די פילע טויזנטער פרטים און באשעפענישן וואס השי"ת האט באשאפן אין די וועלט פאר דעם צוועק. דעריבער ווערט יעדער איינציגער נברא פאר'משפט, וויאזוי ער גייט מגלה זיין גילוי כבוד מלכותו במשך דעם קומענדיגן יאר, און וויפיל כוחות און חיות מ'דארף אים געבן כדי ער זאל קענען אויספילן זיין תפקיד און שליחות אויף וואס ער איז אויף די וועלט, וואס איז: 'מלוך על כל העולם בכבודך'.

פארשטייט זיך אז ביים יום הדין ווערן געלייגט די מעשים וואס יעדער איד האט געטון דעם פארלאפענעם יאר אויפן וואגשאל, וויבאלד יעדער פרט וואס ער האט געטון האט אן אויסטערלישע השפעה אויפן ציל פון תכלית הבריאה און גילוי מלכותו. יעדע מצוה און יעדע דבר תורה וואס א איד איז מקיים, איז ער ממשיך גילוי אור ה' אויף די וועלט, דאקעגן מיט יעדע עבירה וואס ער טוט ח"ו, שאפט ער א מסך המבדיל וואס פארדעקט דעם קשר און גילוי פון דעם טאטן אין הימל, וואס דאס איז געניי פארקערט פון דעם אמת'ן ציל ח"ו. וואס דאס איז נישט אנדערש ווי א בעל הבית פון א פאבריק, וואס טוט איינמאל א יאר אפשטעלן די פראדוקציע כדי צו מאכן אן איבערזוכט, אויב די פאבריק פארט אינעם גוטן ריכטונג אויף וואס זי איז געאייגנט, און אין וואס ווענדט זיך דאס? לויט וויפיל די ארבעטער האבן זיך די לעצטע יאר צוגעשטעלט צו די אויפגאבע.

הייסט אזוי: אום ראש השנה איז השי"ת דן זיין וועלט, צו זען וויאזוי זיין מלכות זאל נתגלה ווערן במשך דעם קומענדיגן יאר, און וויפיל די בריאה זאל זיך רוקן נענטער צו איר תכלית. דאס איז די משפט פון וואס מ'רעדט.

און ביי א משפט, זענען דא 'פראקורארן', קטגורים. די קטגורים זענען די כוחות הרע, וואס שעפן זייער עצם חיות פון די עבירות פון אידן ח"ו. ווייל יעדער עבירה פארשאפט א רוחניות'דיגע מציאות פון 'רע' און קטרוג אויף כלל ישראל. און וואס טענה'ט דער קטגור? ער טענה'ט אז מ'דארף אפהאקן דעם קשר צווישן כלל ישראל מיט זייער טאטן אין הימל, און א ראיה האסטו, זיין עצם מציאות דאס אז ער איז באשאפן געווארן און באקומט חיות - פאסירט נאר דורך די עבירה און פירוד פון אידן מיטן אויבערשטן, און דעריבער, זעט ער נישט קיין סיבה פארוואס השי"ת זאל נאך אנהאלטן א קשר מיט זיי. וואס דער קטגור וויל טענה'נען איז, אז ס'איז נישטא אויף וועמען מלכותו ית' זאל זיך מגלה זיין, רח"ל.

און השי"ת וויל, אז מ'זאל מבטל זיין מקטריגים דורך דעם 'שופר'! דאס איז די מצוה פון שופר.

### ב

### דין אדער רחמים

**דא קומט אריין א שטארקע פראגע:** לכאורה, דער אויבערשטער אליינס איז דער וואס מאכט דעם יום הדין, ער וויל זיך ארויפזעצן אויפן 'כסא דין' וואו ער משפט אויב די בריאה איז ווערד א גילוי מלכות שמים. פרעגט זיך די קשיא, וויאזוי קומט דא אריין א מצוה פון אוועקפירן די מידת הדין און מקטריגים?!

דער ענטפער איז, השי"ת האט זיך מאחד געווען מיט כלל ישראל און וויל זיי טראץ אלע חשבונות, און אוודאי הערט ער נישט אויס די מקטריגים וואס ווילן שאפן א פירוד צווישן אים מיט כלל ישראל, ח"ו. די מטרה וואס ער וויל פונעם גאנצן יום הדין איז, אז דורכ'ן יום הדין זאלן אידישע קינדער פאררעכטן זייערע מעשים. דאס איז טייטש 'מידת הדין', די מידה פון 'מעסטן' און זיין צוגעפאסט לויט דעם מענטשנ'ס מעשים. אזא זאך איז נאר מעגליך ווען מ'ברענגט אריין א מידת הדין.

אבער נאכדעם וואס אידן טוען זיך פאררעכטן, קען שוין דער דין נתבטל ווערן. דער אויבערשטער נוצט דעם קטגור כדי צו מעורר זיין אידן צו תיקון המעשים, אבער למעשה טוט ער פונקט פארקערט ווי דאס וואס דער קטגור פארלאנגט. ווייל די מינוט דער קטגור וויל 'מפריד זיין בין הדבקים', באפעלט אונז השי"ת צו בלאזן שופר און ממתיק זיין דעם דין, און אים כביכול אריבערפירן צום כסא רחמים.

### ג

### מעורר זיין דעם פנימיות'דיגן קשר

**וואס מיינט 'אריבערגיין צום כסא רחמים'?**

די מקטריגים טענה'ן, אז ס'איז נישט כדאי פארן אויבערשטן צו באנייען מלכותו ית' אויף אונז ח"ו, היות מיר האבן געזינדיגט און זיך אפגעריסן פון אים. אבער דער אמת איז, אז ס'איז דא א טיפער קשר נצחי צווישן ישראל מיט אביהם שבשמים, וואס ווערט קיינמאל נישט בארירט. און ווי נאר ס'ווערט נתגלה דער טיפער און אייביגער קשר, ווערט נתעורר אן א שיעור רחמים מצד אונזער טאטן אין הימל, און ער איז 'עובר לכסא רחמים'.

ווייל אין אמת'ן אריין, ווען מ'רעדט מער בפנימיות, איז נישטא קיין שום איד וואס וויל זיך מנתק זיין פון אויבערשטן. אזויווי חז"ל זאגן, "רצונינו לעשות רצונך, ומי מעכב? שאור שבעיסה ושעבוד מלכויות". ווייל דער אמת איז, אז די אמת'ע מציאות און רצון פון יעדער איד - ווער און וואו ער זאל נאר זיין - איז צו באוויליגן דעם אויבערשטן. און ס'בלייבט נישט שטיין נאר ביים רצון, אלס א 'שאיפה', נאר ס'איז זיין אמת'ע, טיפע מהות. און ס'קומט פון דעם וואס א איד איז א 'חלק אלוק ממעל', ער איז איינס מיטן אויבערשטן, און דערפאר איז דאס זיין רצון: "לעשות רצונך אלקי חפצתי". באמת וויל ער נאר דאס.

און דער אמת איז, אז דאס איז דער ענין פון תשובה. ווען א איד שטעלט זיך אפ און רופט אויס, 'באמת וויל איך דעם אויבערשטן', און ער קערט זיך צוריק צו אים, אפגעזען אלץ וואס ער זאל נאר האבן געטון ח"ו, פון יעצט און ווייטער וויל ער זיין דבוק און מקושר צום אויבערשטן. ס'איז נישט ווי גלייך ער טוישט אויף איין הנהגה אויפן צווייטן פון איין טאג צום צווייטן, נאר ווען ער איז חוזר בתשובה טוט ער אויסרופן, אז יעדעס מאל וואס ער איז נכשל געווארן ח"ו, איז עס באמת נישט געווען ער! ס'איז נאר געווען אן אויבערפלעכליכע צעמישעניש וואס האט אים אראפגעשלעפט. אבער יעצט, ווען זיין אינערליכע רצון און געגועים צום טאטן אין הימל זענען נתעורר געווארן - קערט ער זיך אהיים. ווייל באמת איז ער מאוחד מיטן אויבערשטן.

אויף דעם ארויף ווערט נתעורר זיין טאטנ'ס רחמנות אויף אים, און מצד רחמי שמים איז השי"ת מתקן אים און זיינע פגמים. מיט זיינע גרויסע רחמנות, מעקט השי"ת אויס זיינע אלע עבירות, און איז אים 'חותר א חתירה מתחת כסא הכבוד' כדי אנצונעמען זיין תשובה. ער ברענגט אים נענטער צו אים, און פאררעכט אלעס וואס ער האט קאליע געמאכט.

אזוי ווערט נתבטל אלע טענות פון דער מקטרג, וויבאלד ער האט געוואלט אויפווייזן אז מיר האבן זיך דערווייטערט פון אויבערשטן מכח אונזערע מעשים, אבער יעצט ווערט נתגלה אז אלעס וואס ער האט אנגערעדט, איז נישט אמת. ווייל מיר האבן א פנימיות'דיגע קשר עמוק ונצחי, און אונזער אמת'ע רצון איז נישט צו טון קיין עבירה, נאר אונזער אמת'ע מהות איז צו מתקן זיין אונזערע מעשים. מיר ווילן זיך נישט דערווייטערן פון אויבערשטן.

ס'ווערט געברענגט אין ספרים הק' אויפן פסוק, וואס מ'זאגט צווישן די פסוקי מלכיות: "לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל - ה' אלקיו עמו ותרועת מלך בו". היות מיר זענען דבוק אין אויבערשטן אן א שיעור, דעריבער זענען אונזערע עבירות 'נישט אונז', ס'איז בלויז אנגעקלעבטע שמוץ פון וואס מ'דארף זיך אפרייניגן. אזוי אויך איז מבואר אין ספרים הק' אויפן פסוק: "ולא אבה ה' אלקיך לשמוע אל בלעם ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה כי אהבך ה' אלקיך", אז די תורה דערציילט אונז, אז מ'נעמט נישט אן די טענה פונעם מקטרג, און פארוואס? 'כי אהבך ה' אלקיך', ווייל השי"ת האט דיר ליב!

**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: **347.452.3118** אין וויליאמסבורג: **347.768.3577** אין בארא פארק: **347.520.8743**
אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**

**אין אנדערע ווערטער:** ס׳איז נישטא קיין וויכוח צווישן די מידת הדין און מידת הרחמים אויף די ׳פאקטן׳. וויבאלד אין הכי נמי, יעדער ווייסט ווי ווייט מ׳האט זיך דערווייטערט פון אויבערשטן, אבער די מסקנא וואס קומט ארויס דערפון איז אינגאנצן אנדערש פונעם מקטרג׳ס מסקנא. דער מקטרג טענה׳ט אז מ׳האט זיך מנתק געווען פון אויבערשטן, בשעת מיר טענה׳ן אז מיר זענען געבליבן באהאפטן מיטן אויבערשטן, פשוט מיר דארף זיך אפשווענקען און זיך אפרייסן פון אלע קלקולים און אוועקרוימען די מסכים המבדילים.

דעריבער רייסט זיך ארויס א הילכיגע געשריי פון אונזער הארץ, וויבאלד פון איין זייט ווייסן מיר אז מיר זענען מקושר צום אויבערשטן, און פון די צווייטע זייט זענען פארט פארהאן מסכים וואס טיילן אונז אפ פון השי״ת, און דעריבער, די תשוקה און געשריי וואס מיר לאזן ארויס אויף דעם וואס מיר ווילן זיך צוריקקערן צום אויבערשטן, לעבן מיט א קשר און טון זיין רצון - איז מעורר זיין גרויסע רחמנות, און ער צעברעכט די חומות און פירט אוועק די מסכים, ער טוט אונז פריש באנייען און העלפט אונז זיך צו מתקן זיין און פארשרייבט אונז אין ספר ׳החיים׳, דאס מיינט, חיי נצח, ׳לעבן מיטן אויבערשטן׳, אין א בחינה פון ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום״.

## ד

## שופר איז מגלה דעם קשר

**און דאס אלעס - ווערט געטון דורכ׳ן שופר.**

דער מהות פון ׳שופר׳ איז א קול פשוט, אן איינפאכער קול אן קיין ווערטער, אן קיין הסברים, אן קיין ערקלערונגען. דערצו קומט עס ארויס פון טיפעניש פון הארץ. ס׳געבט א ריכטיגע בילד וויאזוי ס׳קוקט אויס א מצב וואו ס׳איז נישטא קיין ווערטער, ווייל אין אמת׳ן אריין, מיר האבן נישט מיט וואס זיך צו בארעכטיגן, אויסער ארויסגעבן א טיפע, אינערליכע קול. און ווען דער אויבערשטער הערט דעם שופר, זאגט ער כביכול: דאס איז די קול פון מיין קינד. ער איז פארבונדן מיט מיר און גלוסט מיר, און איך באוויליג זיך אין אים.

דער שופר איז אויך די הארן פון א בהמה, ווייל דאס ברענגט ארויס, אז אונזער קשר מיטן אויבערשטן איז טיפער און העכער פון שכל, ס׳איז נישט געבויעט מיט לאגישע השגות, נאר ס׳איז דער פאקט אז דער אויבערשטער האט אריינגעבלאזן אין אונז א ׳נשמת חיים׳, א ׳חלק אלוק ממעל׳, און מיר זענען ׳עמו וצאן מרעיתו׳.

ווי אויך איז די הלכה, אז לכתחילה איז בעסער צו נעמען די הארן פון אן איל, א ווידער, פאר א שופר, אלס זכר צו עקידת יצחק, אויף וואס השי״ת זאגט צו: ״מעלה אני עליכם כאילו עקדתם עצמכם לפני״. וויבאלד די אויבנדערמאנטע קשר נצחי מיטן אויבערשטן, איז די פינטל פון ׳מסירת נפש׳ וואס איז איינגעווארצלט אין יעדן איד, זייענדיג גרייט צו זיך לאזן הרג׳ענען אבי זיך נישט אפצורייסן פונעם טאטן אין הימל ח״ו. דאס איז דער מהות פון ׳יצחק׳, צו זיין א מציאות וועמענ׳ס עצם טבע איז צו זיין פולשטענדיג געטריי און איבערגעגעבן צום אויבערשטן.

אזוי אויך איז א שופר מרמז די קול פון א געוויין. ס׳איז די ביטערע קרעכטץ וואס א איד לאזט ארויס ווען ער דערמאנט זיך פון די מסך המבדיל צווישן אים מיטן טאטן אין הימל. און דווקא ווען ער איז מגלה אז ער האט **יא** א קשר עמוק ונצחי מיטן אויבערשטן, הייבט ער אן דערהערן ווי גרויס ס׳איז געווען די פגם פון די עבירה וואס ער האט געטון און וואו שטארק ס׳האט אים דערווייטערט, אזש ער שפירט ניטאמאל דעם קשר, ער איז ווי א קינד וואס געפונט זיך אפגעפרעמדט פון זיין פאטער אין א ווייטע מדינה. ער איז געוויס זיין קינד און ער איז צוזאמגעבונדן מיט זיין פאטער מיט יעדער פאדעם פון זיין וועזן - אבער ער קען זיך נישט געפינען נאנט צו אים. דאס איז א שרעקליכער צער, און טאקע אויף דעם טוט דער שופר וויינען און קלאגן, ״ממעמקים קראתיך ה׳...״.

> א קול פשוט, אן קיין ווערטער, אן קיין הסברים, אן קיין ערקלערונגען. עס קומט ארויס פון טיפעניש פון הארץ. און ווען דער איבערשטער הערט דעם שופר, זאגט ער כביכול: דאס איז די קול פון מיין קינד. ער איז פארבונדן מיט מיר

אייגנטליך, דער שופר איז אן עבודה פון תשובה, וואס איז א חלק פון די עבודת התקיעות, אזויווי ס׳שטייט אין רמב״ם און אויך אין זוהר הק׳ (זיי מעיין אין ׳יסוד ושורש העבודה׳ וואס איז מאריך, אז בשעת די תקיעות ווערט די וועלט נתעורר צו תשובה). ווי אויך ווערט געברענגט פון אר״י הק׳, אז כאטש מ׳פירט זיך נישט צו דערמאנען קיין עבירות אום ראש השנה, אבער ביי די תקיעות קען מען זיך מתוודה זיין אין מחשבה.

## ה

## תקיעה, שברים, תרועה, תקיעה

**די תקיעות טיילן זיך איין אין פיר חלקים, ווי פאלגנד:**

**ערשטע תקיעה:** א ׳קול פשוט׳, וואס איז מרמז אויף אונזער טיפע דביקות צום אויבערשטן, און אז דאס איז אונזער אמת׳ע, טיפערע רצון, ענליך צו א ווערטערלאזע געשריי, וואס איז טיפער פון ווערטער.

**שברים:** א ׳קול גניחה׳, קרעכצן, וואס ברענגט ארויס די געשריי וואס רייסט זיך ארויס פון אונזער הארץ, אויפן מסך המבדיל וואס אונזערע עבירות האבן צוגעברענגט, ענליך צו א חולה וואס קרעכצט אויף זיין מצב.

**תרועה:** א ׳קול יללה׳, יאמערן, וואס איז ווען מ׳פלאצט אויס אין א געוויין צום טאטן אין הימל, וואס אן אים האבן מיר גארנישט, אין א בחינה פון ׳צעק ליבם אל ה׳׳, אויף דעם וואס מיר האבן זיך פארזינקען אין נידריגקייטן, און ווען נישט אים וואלטן מיר געווען פארלוירן ח״ו, מיר זענען אנגעוואנדן אין זיין רחמנות, און נאר אויף אים פארלאזן מיר זיך. מיר ווילן אז ס׳זאל נתעורר ווערן זיין ענדלאזע רחמנות אויף אונז.

**און די לעצטע תקיעה:** איז די התחדשות פון אונזער קשר מיטן אויבערשטן, ווען השי״ת איז זיך טאקע מרחם אויף אונז, און איז מחדש און מגלה זיין אור אויף אונז. די תקיעה טוט אויך אויסדריקן אונזער טיפע קשר מצד דעם אויבערשטן כביכול, און ווי ער וויל אונז. און אזוי זענען מיר מחדש א נייע קשר און הייבן אן א נייע יאר פון מלכות שמים.

און דאס איז דער ענין וואס ווערט מבואר אין די קדמונים, אז די פיר תקיעות זענען אנטקעגן אונזערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, און דוד המלך. די כוונה דערפון איז: דער ענין פון די תקיעה וואס איז אקעגן אברהם איז אהבה - צו מעורר זיין אונזער פשוט׳ע קשר מיטן אויבערשטן; די שברים וואס איז אנטקעגן פחד יצחק - איז ׳קרעכצן׳ וואס קומט פון יראה און פחד נישט צו ווערן מנותק פונעם אויבערשטן; און די תרועה וואס איז מכוון צו יעקב - איז מעורר רחמים עליונים אויף אונז; און די תקיעה וואס איז אנטקעגן דוד מלך ישראל חי וקיים - איז קבלת עול מלכות שמים, צו אנהייבן לעבן מיט א נייע התחדשות פון מלכות שמים, און דביקות אין אויבערשטן.

די מערערע תקיעות וואס איז צוטיילט אין תשר״ת, תש״ת, און תר״ת - איז אנקעגן די חלק המח, די חלק ההרגש, און די חלק המעשה, ווייל מ׳איז ממשיך אונזער קשר מיטן אויבערשטן אויף אלע חלקי הנפש.

**מיר האבן נאך אסאך ארומצורעדן אויף די הייליגע נושאים, ווי למשל ערקלערן די פסוקים און ענינים פון ׳למנצח׳ או״ו, אבער די אריכות דערפון ערלויבט עס נישט. אבער ׳ישמע חכם ויוסיף לקח׳, ס׳איז כדאי זיך צו מתבונן זיין דערין און עס דורכלערנען, אויבערהויפט אז די פסוק ״אשרי העם יודעי תרועה״ דערציילט אונז, אז ׳תרועה׳ איז נישט נאר עפעס וואס מיר דארפן ׳טון׳, נאר ס׳איז בעיקר עפעס וואס דארף בארירן דאס הארץ, אזוי אז מ׳דארף אסאך עוסק זיין דערין און מעורר זיין אונזער טיפע, פנימיות׳דיגע קשר צום אויבערשטן, וויבאלד ראש השנה איז די צייט ווען די מורא׳דיגע ענינים פון קשר און מלכות שמים ווערן אויפגעפרישט פונדאסניי.**













הפצה ראשית של ספרי קול דודי בארה"ב: שירה 718.871.8652

